№ 1. וואַרשע, סעפּטעמבער 1927 I יאַרגאַנג

# לאַנד און לעבן

אָרגאַן
פון דער יידישער געזעלשאַפט פאַר לאַנד-וויסנשאַפט
אונטער דער הויפּט-רעדאַקציע פון ד"ר י. ליפּינער

רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע: וואַרשע, אָגראָדאָווע 8a טעל. 51-01
די רעדאַקציע איז טעטיק זינטיק, דינסטיק און דאָנערשטיק פון 4 ביז 6 נ. מ.

## צו אונזערע לעזער.

עס איז אַ פאַקט, אַז מיר, יידן, באַזונדער פון וואַרשע און אויך פון די גרעסערע שטעט אין פוילן, זענען דאָס רוב ווייט פון דער נאַטור. עס וועלן זיך געפינען פיל צווישן אונז, וואָס האָבן אין זייער לעבן קיינמאָל נישט געזען, למשל, דעם זון-אויפגאַנג אָדער דעם זון-אונטערגאַנג; וואָס האָבן קיינמאָל אין זייער לעבן נישט געזען קיין ים אדער קיין בערג; וואָס קאָנען נישט אונטערשיידן די פּשוטסטע מינים ביימער; וואָס ווייסן לגמרי נישט, ווי ס'זעען אויס, צום ביישפּיל, קאָרן אָדער ווייצן-שטאַנגען; וואָס קאָנען נישט אונטערשיידן די איינפאַכסטע בלומען-סאָרטן; וואָס האָבן בכלל אַבסאָלוט קיין שום פיעטעט נישט פאַר דער נאַטור און פאַר אירע וווּנדערבאַרע שאַפונגען און דערשיינונגען. אט דעם דעפעקט אין דעם יידישן לעבן וויל באַזייטיקן די יינגע יידישע געזעלשאַפט פאַר לאַנד-וויסנשאַפט. די דאָזיקע געזעלשאַפט האָט זיך געשטעלט די אויפגאַבע צו דערנענטערן די יידישע באַפעלקערונג אין פוילן צו דער נאַטור, צו באַקענען די יידישע מאַסן מיט די היסטאָריש-יידישע אַלטערטימלעכקייטן אין פוילן, מיט דעם יידישן פאָלקלאָר און עטנאָגראַפיע, מיט די פוילישע שטעט און שטעטלאך, מיט די פוילישע בערג און טאָלן, מיט דעם ים און טייכן, מיט די פוילישע אינדוסטריע-צענטרען און ד. ג.

די געזעלשאַפט שטרעבט צו מאַכן אָפטע אויספלוגן אין פאַרשידענע געגענטן אין פוילן. די דאָזיקע אויספלוגן ווערן געמאַכט אונטער דער לייטונג פון געניטע, אינטעליגענטע פירער אַזוי, אַז יעדער אויספלוג האָט אַ גרויסע באַדייטונג פאַר די גייסטיקע אַנטוויקלונג פון די אַנטיילנעמער. צום לעצטן צוועק האָט די געזעלשאַפט, אמת, אין אנפאַנג מיט קליינע כחות און קליינע מעגלעכקייטן צוגעטרעטן אַרויס-צוגעבן אַן אייגענעם מאָנאַטלעכן זשורנאַל אונטער ד. ט.: „לאַנד און לעבן".

דער דאָזיקער זשורנאַל וועט שטרעבן צו דערגענצן די הויפּט-אויפגאַבן פון דער געזעלשאַפט און וועט זיין אַן אָפּקלאַנג פון איר לעבנס-טעטיקייט. מיר האָפן, אַז דער זשורנאַל „לאַנד און לעבן" וועט צוציען צו אונז די ברייטסטע שיכטן פון די יידישע מאַסן און דעמאָלט וועלן מיר זיך איבערצייגן, אַז מיר האָבן אונזער אויפגאַבע דערפילט.

די רעדאַקציע.

Dr. I. Lejpuner. ד״ר י. לייפּונער.

# אויספלוגן.

## Wycieczki.

ביי אַלע קולטורעלע פעלקער שפּילן אויספלוגן א זער באַדייטנדע ראָל אין דעם מענטשלעכן לעבן. ווען איר וועט אמאָל אויסקומען צו זיין אין דייטשלאנד, ענגלאַנד, פראנקרייך און באזונדער אין די צפון־לענדער, ווי שוועדן, נאָרוועגן, פינלאַנד און אַנדערע, וועט איר באַמערקן, אז, ווען עס קומט א יום־טוב־טאָג, לאָזן זיך ארויס פון באַגינען א גאנצע מאסע מענטשן, יינג און אַלט, אָרים און רייך, — אַלע אין ספּאָרט־אנצוגן, מיט רוק־זאָקן אויף די פּלייצעס — אויף פארשידענע אויספלוגן צו פוס. יעדן פרייען טאג שטרעבט מען זיך אַרויסצורייסן פון דער גרעסערער אָדער קלענערער שטאָט, כדי דעם טאָג צו פארברענגען אויפן שויס פון דער נאַטור, כדי צו אָטעמען מיט דער ריינער לופט און כדי צו באַוואונדערן די שענקייט און פראַכט פון גאָטס וועלט: מען שפּרייזט זיך פראנק און פריי איבער בערג און טאָלן, ביים ברעג ים אָדער טייך, מען שנייט אדורך וועלדער און פעלדער, מען רוט זיך אָפּ אונטער דעם שאָטן פון בוימער, מען עסט די פשוטסטע מאכלים, אויף וועלכע מען וואָלט אין דערהיים גאָרנישט געוואָלט קוקן — און מען איז גליקלעך און צופריעדן!

דאָס איז אָבער אַלץ געזאָגט וועגן די הויך־קולטורעלע פעלקער, וועלכע זענען צוגעבונדען צו דער נאַטור און צו אירע אוצרות. מיר קענען דאָס אָבער נישט זאָגן וועגן אונז, יידען, באזונדער ווענן די, וואָס זענען צונויפגעפּרעסט אין די געווע־זענע גלות־לענדער, וואו די דאַגות־חיונה דערשטיקן כמעט אַלע גייסטיקע פאַרגניגנס.

צי איז עס אָבער ריכטיק? צי האָבן מיר טאַ נישט קיין שטרעבונג און ליבשאפט צו דער נאטור צי גאַרן מיר נישט אויסצורייסן זיך, האָטש אמאָל אין אַ יובל, פון דעם גרויסשטעטישן גהינום? צי ווילן מיר נישט זיין אליין צוזאמענגעבונדן האָטש אויף איין רגע מיט דעם בלויען הימעל און מיט דער ליכטיקער זון, מיט דער לבנה און מיט די שטערן? צי ווילן מיר נישט הערן דעם געזאַנג פון פויגעל אין וואַלד, אדער האָרכן דעם גערויש פון א קוואַל צווישן בערג?

דערויף קענען אייך געבן אַ תשובה אונזערע קינדער: זיי זענען אין דער הינזיכט זער עמפּפינד־לעך. נישטאָ פאר אונזערע קינדער קיין גרעסערער יום־טוב, קיין גרעסער פארגניגן, ווי צו קלייבן זיך אויף אנ׳אויספלוג. די פון אונז, וואָס האָבן פארבראכט זייערע קינדער־יאָרען אין חדר (באַזונדער אין די פּראָווינץ־שטעט), געדענקן גוט, וואָס פארא וווּדערבאַרער טאָג ס׳איז געווען דער ל״ג־בעומר, ווען דער רבי מיט זיין בעלפער פלעגן אונז פירן אויף אנ׳אויספלוג אין וואלד אריין, וווּ מיר פלעגן שיסן (אבער, חלילה, קיין באשעפעניש נישט דערהרגנען) זינגען, שפּרינגען...

ליידער, האָבן מיר נאר איינמאָל אין יאָר געהאט אזא גליקלעכן טאג. אין דער הינזיכט לעבט דער יעצטיקער דור אונזערער אין בעסערע באַדינגונגען, ווייל אָפטע אויספלוגן זענען געוואָרן א נויטווענדיקייט פון דער יעצטיקער דערציונג. אויספלוגן זענען זאגאר פארגעשריבן אין די שולן מצד דעם בילדונגס־מיניסטעריום. באזונדער פיל אינטערעסאנטע אויספלוגן מאכן די שומרים.

אמת, ס׳קומען אָפט פאר רייבונגען צווישן קינדער און עלטערן, וועלכע זעָנען נישט אלע מאל מסכים צו לאָזן זייערע קינדער אויף אויספלוגן, מורא האָבנדיק, אז ס׳זאָל די קינדער וואָס נישט געשען. אזא מורא איז אָבער אומבאגרינדעט און עלטערן דארפען זייערע קינדער בשום אופן נישט שטערן און נישט צונעמען ביי זיי דאס גרעסטע פארגניגן, וואס אַ קינד קען האבן. איך מוז קאָנסטאַטירן, אז אזוינע רייבונגען צווישן עלטערן און קינדער, ווערן וואס אַ יאָר זעלטענער און עס טרעפן עלטערן, וואס מאכן אפט אליין מיט אזוינע אויספלוגן און קומען צוריק מיט גרויס צופרידנהייט.

וואס פארא נוצן ברענגען אויספלוגן בכלל?

ערשטנס זענען אַויספלוגן וויכטיק פון מעדיציניש־היגיענישן שטאנדפונקט: דאס פארברענגען א טאג, צוויי, דריי אדער מער אויף דער פרייער לופט דערקוויקט דעם אָרגאניזם און האט אַ גרויסע השפעה אויף אַלע אֵברים; אויספלוגן באַרויקן די נערוון און צווינגען דעם מענטש צופרידן צו זיין מיט זיין גורל; דער אפּעטיט ווערט גרעסער, די פארדייונג קומט פאר לייכטער, אונטענסיווער.

צווייטנס, אנטוויקלען אויספלוגן ביי די אנטייל־נעמער דעם געפיל פון דיסציפּלין,

וואס האט אַ גרויסע באדייטונג אינ'ם לעבן בכלל. דער פירער פון אנ'אויספלוג איז דער בעל־הבית און אלע מוזן הארכן און דערפילן פינקטלעך אלע זיינע פאראָרדנונגען. אנדערש האט דער אויספלוג קיין פּאָזיטיוון ווערט.

דריטנס, אנטוויקלט זיך ביים מענטשן אויף אנ'אויספלוג דער געפיל פון זעלבסטבאדינונג און איינפאכקייט: מען שלאָפט גאנץ געשמאק אויף שעניקעס, אויף היי אדער סתם אויף אַ פּאָדלאָגע, אדער אפילו אונטער א בוים; מען געוויינט זיך צו אליין א העמט אויסצוואַשן, אליין זיך א קנעפל אנציניייען און אזוי ווייטער. פּאַר צופּיעשטשעטע, ציטערדיקע, אונבאהאלפענע מענטשן איז אַנ'אויספלוג זער א געזונטע און נוצלעכע שול.

אויף אנ'אויספלוג ווערן אלע אנטיילנעמער צווישן זיך שטארק באפריינדעט: עס אנטוויקעלט זיך דער געפיל פון ברידערליכקייט. אלע פילן זיך ווי זיי וואלטן געהערט צו איין משפחה, אלע ווערן לעבענסלוסטיק, פריילעך; מען פארברענגט די צייט אין זינגען, שפּרינגען, לויפן אדער טאנצן, מען שטיפט אויף דער פרייער לופט, מען באקומט א טעם פון לעבן, יעדע מרה־שחורה פארשווינט. ווען מען קומט צוריק פון א אויספלוג, שפּירט מען אַ צופלוס פון ענערגיע, פון צופרידענקייט.

צום שלוס מוז איך אנווייזן, אז אויספלונן אנטוויקלען דעם מענטשן גייסטיק: מען באקאנט זיך מיט נייע מענטשן, מיט זייער ארט לעבן; חורבות און אלטערטימליכקייטן לערנען אונז, ווי אזוי מענטשן האבן געלעבט אין די אמאָליקע צייטן; עס אנטוויקעלט זיך דער עסטעטישער געשמאק און די אונענדלעכע ליבשאפט צו דער נאטור מיט אלע אירע וואונדערבארע שאפונגען און דערשיינונגען.

פיל, פיל אנגענעמער און נוצלעכער איז צו גיין אויף אנ'אויספלוג, איידער צו פארברענגען גאנצע נעכט אין דושנע דאַנסינגען, וועלכע מאכן חרוב דעם אָרגאניזם.

איך פיל פאר מיין חוב צו באמערקן, אז די יידישע יוגנט קען יעדן פרייען טאָג אויסנוצן אויף אנ'אויספלוג און גיין צופוס (אין ווארשע, למשל, קיין מארימאָנט, וואווער, ווילאנאָוו. דאס מאכט אויס פון 52 ביז 60 טעג אין יאָר; דאס הייסט, מען קאָן פארברענגען אויף דער פרייער לופט כמעט 2 חדשים אין יאָר...

---

1) Wycieczki u nas a zagranicą — 2) Wycieczki dawniej a dziś — 3) Lag-Bomer — 4) Znaczenie wycieczek: a. hygieniczno-medyczne; b. kulturalne; c. duchowe; d. towarzyskie.

---

ה. זיידענגארט

H. Seidengart.

# עטנאגראַפיע אויף אויספלוגן.

## ETNOGRAFJA NA WYCIECZKACH.

אנ'אויספלוג קען מען פארשטיין אלס א מין ווישנשאַפטלעכע עקספעדיציע אין מיניאטור. אמת, מיר האָבן דא נישט צו טון מיט ספעציפישע וויכנשאַפטלעכע מכשירים, מיט ספעציעלע צו דעם צוועק צוגעגרייטע איינריכטונגען, מיטן גרויסן פארנעם, וואס כאראקטעריזירט אנ'עקספעדיציע — אונזערע מכשירים: אַ טאָרניסטער מיט א פאָטאָגראפישן אפּאראט; אונזער צייט: 2—3 טעג, בשעת וועלכע מ'ברויך אזוי פיל זעען און איבערלעבן — אבער דער ציל: עפעס נייעס צו דערקענען און צו דערפאָרשן, דער דראנג און ווילן, וואס מער נייע אָביעקטן און דערשיינונגען צו באָאבאכטן, — דאס איז אייגנטלעך פאר אנ'עקספעדיציע און אנ'אויספלוג. ס'איז אבער פאראן א דיפערענץ. אנ'עקספעדיציע פאָרשט און גריבעלט זיך כמעט אויסשליסלעך נאר אין איין געביט פון אַ געוויסע ווישנשאפט, בשעת אנ'אויספלוג נעמט ארום — און דא ליגט זיין חן — א שפע ווישנשאפטן, וועלכע ווערן דערלאנגט דעם אנטיילנעמער אין אנ'עקסקורסיע אין קליינע „האָמעאָפּאטישע" פּאָרציעס: אביסל היסטאָריע, א טראָפּן עטנאָגראפיע, עטוואָס קונסט, נאך ווינציקער ארכעאָלאָגיע און סטאטיסטיק און דער מאכלדיקער אויספלוג איז פארטיק.

איז אבער די מעשה, וואס א טייל אויספלוגן איינגעאָרדענט, סיי דורך דעם אקאדעמישן קרייז, סיי דורך די יידישע געזעלשאפט פאר לאנד־ווישנשאפט טראגט אן איינזייטיקן כאראקטער: דער פירער פונם אויספלוג לייגט נור אכט אויף ספעציעלע

אָביעקטן, באַלייכט נור איין געביט פון א וויסנשאפט, איבערלאָזנדיק די אנדערע אין פינסטערניש. (למשל, קראַקוי, ווערט נאר באַלויכטן פון קונסט־שטאַנדפונקט; דאַנציג פון אַרכיטעקטאָנישן א. א. וו.). מ׳וועט מיר פארווארפן, אז עס איז אוממעגלעך צו פאדערן פון א פירער, וועלכער בּרויך קודם־כּל זיין א גוטער אָרגאַניזאטאָר, אז ער זאל אויך זיין, למשל, א היסטאָריקער, א באָטאניקער א. א. וו. עס אַיז אוממעגלעך, ווייל ס׳וואלט שוין געהייסן נישט פירער, נאר אוניווערסאַלער מענטש. גוט. בּרויך מען דאָך זיך צו אזא מין פירער דערנענטערן!

* * *

איך וויל דא אנווייזן אויף עטנאָגראפיע בכלל, און אויף יידישע עטנאגראפיע און פאָלקלאָר בפרט, אלס אויף געביטן, וועלכע זענען אויף אויספלוגן, ליידער, פארנאַכלעסיקט. — ס׳ווארפט זיך אויפן שכל אזא פראגע; פארוואס איטערעסירט זיך דער דורכשניטלעכער טוריסט, לאנד־באַזוכער מיטן מענטש, מיט זיין פסיכיק, מיט זיין ארט לעבן אזוי ווייניק, בשעת פאר דענקמעלער, טעמפלען, שלאָסן א. א. וו. שפענדעט ער אזוי פיל צייט און מי צו באקענען זיי? איז דען די אינערלעכע וועלט פונם מענטש מיט אלע זיינע אבערגלויבנס, לעגענדעס, טראדיציעס, מעשיות ווייניק אָנציענד? זענען דען לידער רעטענישן, שפּריכווערטער, רעדענס־ארטן ווייניקער אַינטערעסאנט ווי א טעמפל אדער א פאלאץ?

inner life is sacrificed to admiring statues & monuments

בּלי־ספק ווערט בנוגע די אנטיילנעמער פאר וועלכע מ׳שטרייכט נישט אונטער די עטנאָגראפישע מאָמענטן בעת אנ׳אויספלוג, בּאגאנגען אנ׳עוולה, וועלכע מוז פאריכט ווערן. געשען וועט עס, ווען עטנאָגראפיע און פאָלקלאָר וועלן געהעריק רעפּרעזענטירט זיין אויף אנ׳אויספלוג.

איך שטעל זיך דאס פאר אויף אזא אויפן:

1) קודם־כּל די געאָגראפישע באשרייבונג און היסטאָריע פון דעם געגנט, וועלכע מען באזוכט;

2) דאן די באוווינער פון דעם געגנט (אנטראָפּאָלאָגישע דאַטן, סטאטיסטיק) און זייער מאטעריעלע קולטור (וווינונג, מלבּישים, האַנדווערקער־קונסט, מכשירים א. א. וו.); גרויסע פארדינסטן קען דאָ אפּגעבן א פאָטאָגראפישער אפאראט, אן וועלכן מ׳בּרויך זיך איבערהויפּט נישט רירן אויף אנ׳אויספלוג;

3) ווייטער פאָלקס־קונסט: פאָלקס־לידער, טענץ, מאָלעריי, ארטיסטישע האנד־אויסארבייטונגען א. א. וו.

4) סאָציאַלע אַיינריכטונגען און פאמיליען־באַציונגען;

5) רעליגיע. דא קען מען אריינרעכנען אויך רעליגיעזע לידער, רעליגיעזע צערעמאָניעס, פּייערונגען א. א. וו.;

6) דאן גייט די פאָלקס־שאפונג: פּאָעטישע און פראָזאאישע: פארשידענע לידער, לעגענדעס, מעשיות, אַנעקדאָטן, שפּריכווערטער, רעטענישן, רעדענס־ארטן. די פאָלקס־שאפונג, וועלכע איז אזוי כאראקטעריסטיש פארן פאַלק און אזוי פרעמד דער אינטעליגענץ, איז דער אינטערעסאנטסטער טייל און מ׳באַדאַרף אויף דעם לעגן גרויס אכט;

7) מ׳וואלט נאך געקענט דא צוגעבן פאָלקס־מעדיצין און אַנדערע פאָלקס־וויסנשאפטן.

* * *

ס׳וואָלט אבער געווען א קורצזיכטיקע מעטאָדע, ווען די עקסקורסיע־אנטיילנעמער וואלטן זיך נאר באַפרידיקט מיט „באקוקען" אדער „אויסהערן" דעם עטנאָגראפישן טייל. פאראינטערעסירן זיך מיטן פאָלקלאר אויף אנ׳אויספלוג איז אַסך, אבער דאס איז נאך נישט אלץ. מ׳באדארף נישט פארגעסן, אז די פאלקס־אוצרות ווערן וואס א טאָג שיטערער, זיי קענען פארלוירן ווערן, אז די פאָלקס־שאפונג געפינט זיך אין אנ׳אונטערגאנגס־צושטאנד; דערפאר בּרויך מען דעם עטנאָגראפישן מאטעריאל זאמלען און קלייבן, קלייבן און זאַמלען ביי יעדער געלעגנהייט און ביי יעדער באדינגונג. (די עטנאָגראפישע סעקציע ביי דער יידישער געז. פ. ל.־וו. באארבייט יעצט אנ׳אנקעטע, לויט וועלכער דער עטנאָגראפישער מאטעריאל בּרויך געקליבן ווערן אויף אויספלוגן).

* * *

סך־הכּל: ביים ארגאניזירן אנ׳אויספלוג בּרויך מען אכטן, אז אין דעם וויסנשאפטלעכן טייל פונ׳ם אויספלוג זאל עטנאגראפיע און פאלקלאר פארנעמען אזא אנגעזעענעם ארט, וועלכעס פארנעמט, אדער לכל־הפחות, ס׳בּרויך פארנעמען, עטנאגראפיע און פאלקלאר אין אלגעמיינעם לאנד־וויסנשאפט

---

1) Wycieczka a ekspedycja naukowa — 2) Zbyt jednostronne traktowanie wycieczki — 3) Zaniedbywanie ważkiej gałęzi krajoznawstwa — etnografji — 4) Krzywda, jaka się dzieje uczestnikom wycieczki, i droga do jej naprawy — 5) Zakres etnografji na wycieczce — 6) Konieczność zbierania materjału etnograficznego.

M. Thursz. מ. טורש.

# שטריכן צו מוזיק-עטנאגראפיע.

(אַ פּאָר ווערטער וועגן די מוזיק ביי די פּאָלאַנער).

# PRZYCZYNEK DO ETNOGRAFJI MUZYCZNEJ.

(Kilka słów o muzyce Polan).

וועגן די מוזיק פון די אַלטע אייראָפּעאישע פעלקער אין אנהויב פון זייער ציוויליזאציע האבן מיר זער נפלדיקע און נישט קיין זיכערע ידיעות. אלץ, וואס מיר ווייסן וועגן די דאזיקע מוזיק איז, לײדער, נור געבויט אויף היפּאָטעזן. — עפּעס מער קען מען זאגן וועגן מוזיק-אינסטרומענטן אויפן יסוד פון, למשל, פארשידענע צייכנונגען, וועלכע מ'קאן נאך היינט געפונען אויף אלטע בנינים א. א. וו.

צוויי אבער זענען פאראן אקסיאָמען, וועלכע זענען אויסגעפארשט געווארן דורך מוזיק-עטנאגראפן: דער ערשטער איז, אז די אור-פעלקער פון דער גאנצער וועלט האבן נישט געהאט קיין באגריף וועגן האלב-טענער, און דער צווייטער, אז זיי האבן נישט גע-ווּסט פון הארמאָניע, ד. ה. פון פיל-שטימיקייט. — וואס שייך דעם ערשטן אקסיאם זענען די האלב-טענער געווען פאראן אויער פון אור-מענטש צו סובטל און דערפאר נישט צוגענגלעך, אזוי ווי פאר אונז זענען כמעט נישט צוגענגלעך מוזיקאלישע ווערק, געבויט אויפן יסוד פון א פערטעל-טאָן-גאמע, וועלכע, אגב, ווערט יעצט שטארק פראָפּאגירט דורך א קליין הייפל ערנסטע מוזיקער (צ. ב. אל. האבא)-די פריערדיקע פעלקער, און צווישן זיי די אור-פּאָלאקן, די אזוי גערופענע פּאָלאנער אדער ליאַכן, האבן זיך באנוצט אין זײערע געזאנגען מיט אזוי גערופענע „אנהעמיטאָנישע פענטאטאָניק", ד. ה. אז זייערע מעלאדיעס האבן געהאט אלס יסוד אַ גאמע, וועלכע איז צוזאמענגעשטעלט געווען פון 5 טענער אָן האלבטענער. (מאדערנע קאָמפּאָזיטאָרן, ווי צ. ב. דעביסי, פּוטשיני, האבן זיך אויך אפט באנוצט מיט א הארמאניע אויפן יסוד פון א גאנץ-טאניקע גאמע).

וואס שייך דעם אנדערן אקסיאָם, איז די מוזיק פון די אור-פעלקער געווען האָמאָפאָניש, ד. ה. איינשטימיק.

* * *

מיט די פולע זיכערקייט קען מען זאגן, אז דאס וואס מיר ווייסן וועגן די מוזיק פון די פּאָלאַנער, קען מען אויך זאגן וועגן די מוזיק פון אנדערע סלאווישע שבטים, ווייל זײערע מנהגים און רעליגיעזע צערעמאניעס זענען געווען צו זיך כמעט ענלעך.

די פּאָלאַנער האבן אין זײערע הייליקע וועלדער געבעטן צו פארשידענע געטער; געטאנצט און געזונגען פאר די אפּגעטער פון לאדא, דזיעוואנא; מיט פארשידענע געזאנגען האבן זיי געשטרעבט איינצונעמען די שרעקלעכע מאַרזאננאַ, די געטין פון טויט.

כאראקטעריסטיש, אז א טייל געזאנגען פון יענע אור-אלטע צייטן האבן זיך דערהאלטן אין פאלק, איבערגייענדיק פון איין דור אין אנדערן ביזן היינטיקן טאג, נאטירלעך, אין א פארענדערטער פארם. אזוי, למשל, האט דאס נאך היינט באקאנטע חתונה-ליד: Oj, Chmielu, Chmielu! אלע שטריכן פון א פינפ-טאָניקע גאמע, אָן שום האלבטענער.

דאס זעלבע איז מיטן ליד:

„U mej matki rodzonej, rodzonej,
Stoi jawor zielony, zielony"

וועלכעס איז א פּראָטאָטיפּ פון א גוט באקאנט פאלקס-ליד.

* * *

פון מוזיק-אינסטרומענטן איז דער ערשטער סטרונע-אינסטרומענט אין פוילן געווען די א. ג. „געגשל" (gęśl). ביי אנדערע סלאווישע שבטים האט זיך דער אינסטרומענט לענגער דערהאלטן, ווי ביי די פּאָלאנער. אין די אלט-פוילישע פּאעזיע געפונען מיר זער אפט אויסדרוקן, ווי „guślarz", „gusła", „gęśl". די פּאָלאנער האבן אויך געשפילט אויף א בלאָז-אינסטרומענט „דודא" (duda). דער דאזיקער אינסטרומענט, אונטערן נאָמען „קאָבזאַ" (kobza) אין א פארבעסערטער און פארענדערטער פארם, איז געווארן זער פּאָפּולער און באליבט צווישן די בערג-באוווינער („גוראַלן").

* * *

די ליטעראטור, געווידמעט ספּעציעל די מוזיק-עטנאגראפיע, איז אין מערב-אייראָפּאַ זער רייך.

די ערשטע ווערק אויף דעם געביט זענען שוין דערשינען אין דעם 17־טן יאַרהונדערט. אין פוילן שטעלט זיך די זאַך פאר ערגער, חאָטש אין די לעצטע צייטן הערן מיר אלך עפטער וועגן פארשידענע פאָרשונגען און ענטדעקונגען אויפן געביט פון מוזיק־עטנאָגראַפיע.

1. Muzyka ludów pierwotnych. — 2. Nieznajomość wielogłosowości i półtonów. — 3. Muzyka szczepów słowiańskich. — 4. 2 prototypy pieśni ludowych. — 5. Instrumenty muzyczne Polan. — 6. Badania z dziedziny etnografji muzycznej.

---

ד״ר. י. לייפונער.

Dr. I. Lejpuner.

# מיין אַויספלוג קיין ארץ־ישראל, עגיפטן און איטאַליע.
## MOJA WYCIECZKA DO PALESTYNY, EGIPTU I ITALJI.

### א

איך בין שוין אויסגעווען א וועלט! די רוסיש־יאפאַנישע מלחמה האט מיך אוועקגעשליידערט קיין סיביר, קיין הינטער־באיקאַליע, קיין כינע און יאפאן. די לעצטע וועלט־מלחמה האט מיך געצוווּנגן צו וואנדערן איבער פיל שטעט און שטעטלאך אין פוילן, אין פאָלעסיע, וואָלין, צענטראל־רוסלאנד, פינלאנד, בעסאראביע און רומעניע, אויסער דעם האב איך אין דער שלום־צייט, ד. ה. צווישן איין מלחמה און דער אנדערער, בארייזט פיל לענדער, ווי דייטשלאנד, פראנקרייך, שווייץ, קאווקאז און ד. ג. איך האב ליב צו רייזן. דאס איז דאס גרעסטע פארגניגן וואס א מענטש קאן האבן: זיין און זעען, זעען און לערנען! נישטא קיין שענערס פאר אַן־אינטעליגענטן מענטשן!

פון כמה יאָרן האב איך תמיד געחלומט צו מאכן א רייזע קיין ארץ־ישראל. אלס נאציאנאל געשטימטער, פאלקסטימלעכער ייד, האב איך מיט אַלע מיינע חושים געשפירט, אז איך מוז באזוכן ארץ־ישראל, דאָס וויגעלע פון אונזער פאָלק. עס האט מיך געצויגן אהין, ווי מיט צוואנגן. איך בין זיכער, אז יעדער ייד, מעג ער זיין ניט נור א ציוניסט, נור אפילו א פאָלקיסט, אנ׳אסימילאטאָר זאָגאַר, אדער א פשוטער ייד פון א גאנץ יאָר, שפירט דאָסזעלבע און אומווילנדיק וועט ער מוזן האבן א געוויסע פיעטעט פאר ארץ־ישראל.

דעריבער איז קיין וווּנדער נישט געווען, וואס די פייערלעכע ערעפנונג פון דער העברעישער אוניווערסיטעט אין ירושלים, דעם ערשטן אפריל 1925, האט אויפגערודערט דאָס יידנטום פון דער גאנצער וועלט, נישט דוקא אקטיווע ציוניסטן, נאָר סתם נאַציאָנאל־געשטימטע יידן און אפילו קריסטן אויך!

איך בין מיטגעריסן געוואָרן מיטן שטראָם און האָב באשלאָסן אונבאדינגט צו מאכן מיין רייזע קיין ארץ־ישראל און טאקי צו דער פריער דערמאָנטער פייערונג.

פון מאָמענט וואָס איך האָב מיין באשלוס אנגענומען און האב מיך גענומען פארבאַרייטן אין וועג אריין, האט מיך באהערשט א מאָדנער זיסער געפיל פון אַ זער אנגענעמער, איך וואָלט זאגן, אונגעדולדיקער נייגיריקייט. קיין שום רייזע, קיין שום אַויספלוג, וואס איך האב ביז איצט פאָרגעני מען האט ביי מיר נישט ארויסגערופן אזא מין געפיל. איך האב מיך געשפירט, ווי א פארליבט פאָרל אין דער צייט פון תנאים ביז דער חתונה.

די לעצטע וואָך פאַר דער רייזע איז שוין מיין נשמה געווען ווייט פון ווארשע. יעדער באקאנטער, יעדער פריינט, וועלכן איך האב געטראָפן אויף דער גאס האָט זיך מיט מיר אזוי הארציק אזוי הייס געזעגנט..

דאָס בילד פון די שטורמישע אָוואַציעס אויפן ווארשעווער וואָקזאל מצד דעם ריזיקן עולם באַגלייטער — וועל איך נישט פארגעסן. דער גאנצער וואַגאָן, אין וועלכן איך בין מיט מיין פרוי געפאָרן איז געווען פארנומען אויסשליסלעך מיט פאסאזשירן, וואָס זענען געפאָרן קיין קאָסטאנצא (א פאָרט אין רומעניע) און פון דאָרטן מיט דער שיף קיין ארץ־ישראל.

דאָ איז געווען דער נעסטאָר פון די ווארשעווער יידישע דאָקטוירים ד״ר ג—ם, פראָפ. ש—ר מיט דער פרוי, אדוואָקאט סט...סקי מיט דער פאמיליע, פרעזעס לעוו... מיט דער פרוי און נאָך אנדערע גוטע באקאנטע. עס איז אויך געפאָרן מיט אונז צוזאַמען דער דעלעגאַט פון דער ווארשעווער אוניווערסיטעט פראָפ. מאד...סקי, דער איינציקער קריסט.

שוין ביים רירן פון ווארשע האָבן מיר אלע אין אונזער וואגאָן דערשפירט, אז מיר זענען פלוצים געוואָרן איין משפחה, אז אונזערע אינטערעסן און שטרעבונגען, אונזערע איבערלעבנישן זענען געוואָרן איינע און דיזעלבע. מיר האָבן זיך פלוצים שטארק צוגעבונדן איינער צום צווייטן.

מיר האָבן אפילו געהאט באקוועמע פלעצער צום שלאָפן (אין שלאָף-וואגאָן), עס האָט זיך אבער נישט געשלאפן; די נערוון זענען געוועזן אזוי געשפאנט, אז עס האט זיך נישט געוואלט פארשלאָפן קיין איינציקע מינוט פון די געפילן, וועלכע מיר האבן אנגעהויבן צו איבערלעבן. די אָוואציעס אויף די וואָקזאלן אין לובלין, אין לעמבערג, אין קאָלאָמיא האָבן פארדאפלט די דאזיקע געפילן.

מיר דערנענטערן זיך צו דער פויליש-רומענישער גרענעץ! דער פולס האט ביי מיר אנגעהויבן אינטענסיווער צו קלאפן, איך דערנענטער מיך צו רומעניע! אין מיין זכרון זענען אויפגעשווומען אלע מיינע איבערלעבנישן, וואָס איך האָס בעת דער וועלט-מלחמה נעדאט אין רומעניע, ווו איך האָב פארבראכט מיט דעם רוסישן מיליטער העכער א יאָר צייט, איך האב מיך דערמאָנט אלע רדיפות און אכזריותן, וועלכע אונזערע ברידער, די רומענישע יידן, האָבן געהאט אויסצושטיין (די אלע רדיפות זענען דאָקומענטאל באשריבן און פאראייביקט אין מיינע מעמוארן "פיר יאר וועלט-מלחמה"). און האבן, צי שאנד פון דער ציוויליזאציע, ביזן היינטיקן טאג!

פאָרטזעצונג קומט.

## Puer a Judaeis crudelissime occisus...

מיר לעבן אין פרייען, פרייזיניקן 20-טן יארהונדערט און ווייט אונטער אונז זענען שוין געבליבן די גרויזאמע צייטן פון בלבולים און פארשיידענע פינסטערע מיטלאלטערלעכע אבערגלויבנס, וועלכע האבן ווי חושך-שווארצע שאָטנס פאראומעטיקט דאס יידישע לעבן א סך הונדערטער יאָרן.

דער אמת-זוכנדיקער און קריטישער גייסט פון די נייע צייטן האט פארטריבן פון די ציוויליזירטע לענדער די אבערגלויבנס, וואס זענען ווי א פלעק אין דער קולטור-געשיכטע פון געוויסע פעלקער.

און דאָך געפינען זיך נאך ווו-נישט-ווו שפורן, שטומע עדות פון יענע שרעקלעכע צייטן, — ווייטאפשר שוין פארגעסענע, אבער נאך אלץ זער אונהיימלעכע אפהילכונגען פון דעם טרויעריקן אמאל...

מיט עטלעכע יאָר צוריק האָב איך צופעליק אזא ארט געזען אין בערנארדינער קאָסציאָל אין ווילנע.

ביים שרייבן די שורות האב איך ליידער נישט די מעגלעכקייט נאכציקאנטראָלירן צי מיין זכרון פארפירט מיך נישט, און מיין ווונש וואלט געוועזן אז אונזערע פריינט און סימפאטיקער אין ווילנע זאלן נאכפאָרשן דעם פאָלגנדיקן פרט: —

אין דעם דערמאנטן קאָסציאָל אויף לינקס פון איינגאנג, אין דער הויפט-נאווע, אין א קליינעם פארטיפונק אין דער וואנט, — שטייט א קליינע אורנע, איבער וועלכער עס געפינט זיך א לאטיינישע איבערשריפט אונגעפער מיט די ווערטער:

„Memoria... pueri crudelissime a Judaeis occisi..." „צום אנדענק פון א יינגל, וואס איז אויף א זער אכזריותדיקן אופן דערהרגעט געווארן דורך יידען..." עס שטייט אויך א יאר, מסתמא פון דעם אנטשפרעכנדן געשעעניש: דאכט זיך 1623. אזוי פיל איז מיר פארבליבן אין זכרון.

די דערמאנטע דאטע — דאס איז די צייט פון דער הערשאפט פון פאנאטישסטן פוילישן קעניג, זיגמונט III, וועלכער האט, גלייך ווי פיליפ II אין שפאניען, אן ריקזיכט באקעמפט אלץ, וואס איז געוועזן אין א וועלכן ס'איז ווידערשפרוך מיט דער הערשענדער קאטוילישער קירכע.

ס'וואלט כדאי געוועזן זיך צו פאראינטערעסירן מיט דעם ענין; עס איז נישט אויסגעשלאסן אז אין די ווילנער ארכיוון זאל מען געפינען עפעס א זכר, וואס איז פארבונדן מיט דער דאזיקער אויפשריפט.

*Agnostos*

---

Autor artykułu, będąc w swoim czasie w Wilnie, zauważył w kościele Berdardyńskim urnę z powyższym napisem (.... pamięci chłopca, który został w okrutny sposób przez Żydów zamordowany "). Bezwątpienia w archiwach wileńskich znajdzie się materjał, który tę sprawę należycie może wyświetlić.